בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ"ז

417

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
הוצאת
מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ זָאל אִיךְ טוּן אִין דִי נַייעֶ הוֹיז? ........................ א
וֶועלְכֶע סָארְט תְּכֵלֶת אִיז דִי עֶכְטֶע? ........................ ב
נָאכְאַמָאל אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיי מוֹהֲרָא"שְ'ס צִיּוּן? ........................ ד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן עֵצוֹת ........................ א
שַׁבָּת לֶעכְט פוּן עֶסִיג ........................ א
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער ........................ ג
זוּךְ דָאס גוּטְס, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ הָאבְן שֶׁפַע ........................ ג
הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שוּל ........................ ד
בַּאגְלֵייטְן דִי תַּלְמִידִים נָאךְ דִי חֲתוּנָה ........................ ה
מִצְוָה טַאנְץ אִיז נָאר פַאר מִשְׁפָּחָה ........................ ו
רֶעדְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער ........................ ו
הַכָּרַת הַטּוֹב אוֹיף וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶער קִינְד ........................ ז
נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף דִי וַוייבְּ'ס מִשְׁפָּחָה ........................ ח
בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט ........................ ח
מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְן אִין אַ פִּיצְקֶעלֶע דִירָה ........................ ט
נִישְׁט נִיצְן אַ "יוּנִי-סֵייקְל" ........................ י

לֶערְנֶען פְּרִיוַואט צוּ קֶענֶען גוּט לֵיינֶען עִבְרִי ........ י
מִיר שֶׁעצְן אַייעֶר הַארְצִיגֶע אַרְבֶּעט ........ יא
הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דִי מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ ........ יא
מִתְפַּלֵל זַיין מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס ........ יב
אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער ........ יג
פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִיכְטִיגְקֵייט יֶעדְן טָאג ........ יד
דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן ........ טז
כִּתָּה ג׳ אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן בַּיי קִינְדֶער ........ כ
אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ ........ כ
גוּטֶע מִידוֹת ........ כא
גֶע׳חָלוֹמְ׳ט וִוי אַ שְׁלַאנְג הָאט גֶעבִּיסְן ........ כב
זִיךְ אַלֵיין צֶעשְׁנַיידְן וֶוען עֶפֶּעס שְׁטֶערְט? ........ כג
אָטֶעם אַרַיין, אוּן לָאז אַרוֹיס דִי לוּפְט ........ כד
אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער ........ כה
עֶס שְׁוִוינְדֶלְט דִי קָאפּ ........ כה
הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵד אִיז לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער ........ כו
נִישְׁט זִיךְ טַעֲנָה׳עֶן ........ כז
הֶעלְפְן בֵּית פֵּיגָא אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער ........ כז
וֶוען מֶען דַארְף גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה ........ כח
אִיךְ וֵוייס וִוי סַאךְ דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער קִינְד ........ כט
דִי מַצָה בֶּעקֶעַריי אִין שְׁטֶעטְל ........ ל
נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג בְּלַייבְּט מֶען דָא ........ ל
הַכָּרַת הַטוֹב פַאר וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיין זוּן ........ לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ זָאל אִיךְ טוּן אִין דִי נַייעֶ הוֹיז?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן צוּ אַ נַייעֶ דִירָה פַּארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ, מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ קוֹיפְן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ טוּן אִין דִי נַייעֶ הוֹיז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

**נֶעם זִיךְ פָּאר, וֶוען מֶען קְלַאפְּט אִין טִיר פַאר צְדָקָה זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר, גֶעבְּן צְדָקָה. אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ עֶפֶענֶען דִי טִיר אוּן יֶענֶעם גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, אוּן יֶענֶעם גֶעבְּן אַפָּאר וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ שָׁכֵן קְלַאפְּט אִין טִיר - זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען אוּן זֶען מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## וועלכע סָארְט תְּכֵלֶת אִיז דִי עֶכְטֶע?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי מוֹרָא'דִיגֶע הַארְצִיגֶע בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט. עֶס הָאט מִיר מַמָּשׁ אָנְגֶעוָוארֶעמְט דִי הַארְץ, און מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בִּזְכוּת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעטוּן תְּכֵלֶת אוֹיף דִי צִיצִית שׁוֹין אִיבֶּער אַ יָאר צוּרִיק. לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אֵיינֶער אָבֶּער מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דִי תְּכֵלֶת וָואס רוֹב מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן פוּן רַאדְזִין אִיז נִישְׁט דִי עֶכְטֶע, וַוייל מֶען זֶעט קְלָאר וִוי עֶס גֵייט אַרָאפּ דִי קָאלִיר, עֶס אִיז אָבֶּער דָא אַ נַייעֶ סָארְט תְּכֵלֶת וָואס אוֹיף דֶעם אִיז דָא אַלֶע הוֹכָחוֹת אַז עֶס אִיז דִי עֶכְטֶע תְּכֵלֶת און עֶס אִיז דָא רַבָּנִים וָואס גֵייעֶן אוֹיךְ מִיט דִי נַייעֶ סָארְט תְּכֵלֶת.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייטֶער גֵיין מִיט דִי תְּכֵלֶת רַאדְזִין אָדֶער צוּ טוֹישְׁן צוּ דִי נַייעֶ?

אַ גְרוֹיסֶער יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת און חִיזוּק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ פִירְן זִיךְ צוּ גֵיין מִיט תְּכֵלֶת אוֹיף דִי צִיצִית; דָאס קוּמְט פוּן וֶוען דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי גֵּרְשׁוֹן חֲנוֹךְ הֶענִיךְ מֵרַאדְזִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס אִין זַיין צַייט אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי תְּכֵלֶת, אִין שְׁנַת תרמ"ח.

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן אִים בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קֵיין נַייעֶ זַאכְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעקְרֶעכְצְט און גֶעזָאגְט דָאס וָוארְט: "אָהּ... תְּרַחֵם"; הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם גֶעזָאגְט אַז דִי כַּוָּונָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַז עֶס וֶועט טַאקֶע נִישְׁט זַיין קֵיין

נַייֶע זַאכְן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוֹיסֶער דִי אֵיין זַאךְ, עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן דִי זַאךְ פוּן תְּכֵלֶת אִין יָאר תרח״ם, דֶעמָאלְט וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען דִי תְּכֵלֶת וָואס שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען.

בְּנוֹגֵעַ וֶועלְכֶע תְּכֵלֶת צוּ גֵיין; מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי רַאדְזִינֶער תְּכֵלֶת, אָבֶער מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט עֶס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶה וֶועלְכֶע תְּכֵלֶת מֶען גֵייט, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חֲשַׁשׁ פוּן כִּלְאַיִם הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין טַאקֶע דִי כָּשֵׁר׳עֶ, אָבֶער הַיינְט גֵייט מֶען מִיט טַלֵיתִים פוּן וָואל, אִיז נִישְׁט קֵיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין מִיט פְּתִיל תְּכֵלֶת, אַדְרַבָּה, דוּרְכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית אוּן מֶען אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן ״וּרְאִיתֶם אֹתוֹ״ (בַּמִּדְבָּר טו, לט), אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן נִיאוּף, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ז), צִיצִית אִיז מְסוּגָל צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן נִיאוּף.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דַיין צִיצִית, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): ״סְגֻלָּה לְחוֹלֶה לְהִסְתַּכֵּל עַל הַצִּיצִית״, צִיצִית אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט דֶעם רֶבִּינ׳ס וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב, סִימָן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם״, וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען, ״כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, וַוייל מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, ״וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ״, אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן, ״שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהֶחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה״, אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; קוּמְט אוֹיס, אַז מֶען קוּקְט אוֹיף דִי צִיצִית, מֶען זֶעט זִיךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז טַאקֶע וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, אָבֶער ׳צִיצִית גֵיי אִיךְ דָאךְ יָא׳; מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן אַלֶע מַחְלוֹת, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## נָאכְאַמָאל אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיי מוֹהֲרָא"שְ'ס צִיּוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי וַוארֶעמֶע בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶעס, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל שׁוֹין קוּמֶען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ פָאהְרְן קֵיין יַבְנְאֵל אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל טַאקֶע נָאכְאַמָאל אַהִינְגֵיין אוֹיסְצוּזָאגְן תְּהִלִּים, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעזָאגְט דְרַיי אָדֶער פִיר מָאל תְּהִלִּים בַּיי מוֹהֲרָא"שְ'ס צִיּוּן.

אוֹיסֶער דֶעם וָואס עֶס אִיז יֶעצְט זֵייעֶר אַ קַאלְטֶע וֶועטֶער, עֶס רֶעגְנְט אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט, אוּן עֶס אִיז אַן אָפֶענֶע פְּלַאץ דָארְט בַּיים צִיּוּן.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אוּן בִּפְרָט פַארְן מִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף מַיינֶע פְּרַטִי'שֶׁע שְׁאֵלוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קֵיין יַבְנְאֵל, זָאג אוֹיס נָאכְאַמָאל תְּהִלִּים לִזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁרַייבְּט (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, סִימָן ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ

בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר - וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ", בַּיי מַיין צִיּוּן וֶועט מֶען קֶענֶען פּוֹעֶל'ן וואוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת. "וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם", וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין צִיּוּן וֶועל אִיךְ זַיין פַאר אִים אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אִין הִימֶל, "וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֶל'ן אַ יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען; בִּפְרַט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן שִׁידוּכִים הָאט מוֹהֲרָא"ש צוּגֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה בָּזֶה הַלָּשׁוֹן (שָׁם, שָׁם): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט תְּהִלִּים זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר מוֹהֲרָא"ש: "אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט, יֶעצְט זָאל מוֹהֲרָא"ש טוּן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, אִיךְ וַוארְט אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ"; אַזוֹי וִוי מוֹהַרְנַ"ת הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה חִינְקֶעס עֶר זָאל טוּן. דִי מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי, מֹשֶׁה חִינְקֶעס אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קַיין בְּרֶסְלֶב, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי רָאשֵׁי קְהִילָּה אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיטְן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶער קִינְדֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט, אַמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז זַיין שׁוּתָּף הָאט אִים בַּא'גַנֵב'עֶט מִיט גֶעלְט, הָאט עֶר אִים גּוֹרֵם גֶעוֶוען צוּצוּנֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער.

(קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן כט, וִוי עֶר רֶעדְט דָארְט פוּן אַן אִישׁ עָשִׁיר, דָאס מֵיינְט עֶר דֶעם אִיד מֹשֶׁה חִינְקֶעס. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר וִויל אַ בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזָאגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה תּוֹרָה פַאר דִיר", אָבֶער מֹשֶׁה חִינְקֶעס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי עֶנְטְפֶערְט אִים. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר שׁוֹין יָא

פַאַרְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין שׁוּתָּף וָואס הָאט אִים זַייעֶר מְקַנֵא גֶעוֶוען און הָאט אִים בַּא׳גַנֶב׳עֶט, און מִיט דֶעם הָאט עֶר אִים צוּגֶענוּמֶען זַיין וַוייבּ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער; קוּק נָאךְ דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט, וואו דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן גַנְבְ׳עֶנֶען, אַז וֶוען מֶען גַנְבְ׳עֶט יֶענֶעמְ׳ס גֶעלְט - גַנְבְ׳עֶט מֶען יֶענֶעמְ׳ס וַוייבּ און קִינְדֶער).

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט אִים מוֹהַרְנַ"ת גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֹשֶׁה חִינְקֶעס וֶועט זִיךְ גֶטְ׳ן און וֶועט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶועט עֶר הָאבְּן קִינְדֶער", מוֹהַרְנַ"ת הָאט אִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל זִיךְ גֶטְ׳ן, עֶר זָאל פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, אָבֶּער עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען שְׁוֶוער דָאס צוּ הֶערְן. שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן דָאס נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט, מוֹהַרְנַ"ת הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאלְטְן נָאכְן דַאוֶונֶען, עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן מִיט טַלִית און רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין, און עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: "מֹשֶׁה, דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ גֶטְ׳ן און חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועסְטוּ הָאבְּן קִינְדֶער", און מוֹהַרְנַ"ת הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט אָנְגֶעטוּן מִיט טַלִית און תְּפִילִין, אַזוֹי אִיז בַּיי מִיר זִיכֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט"; דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט זִיךְ גֶטְ׳ן, און זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ נֶעמֶען אַ גֶט בִּתְנַאי אַז עֶר וֶועט אִיר גֶעבְּן הַאלְבּ פוּן זַיין פַארְמֶעגְן, און נָאכְן גֶט הָאט זִי חֲתוּנָה גֶעהַאט טַאקֶע מִיט יֶענֶעם שׁוּתָּף וָואס הָאט בַּא׳גַנֶב׳עֶט דֶעם מֹשֶׁה חִינְקֶעס, דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעזֶען מַמָשׁ וִוי דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער וֶוערְן אַזוֹי קְלָאר מְקוּיָם, אַז וֶוער עֶס גַנְבְ׳עֶט יֶענֶעמְ׳ס גֶעלְט קֶען גוֹרֵם זַיין צוּצוּנֶעמֶען יֶענֶעמְ׳ס וַוייבּ מִיט יֶענֶעמְ׳ס קִינְדֶער, און דֶער מֹשֶׁה חִינְקֶעס הָאט אוֹיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ פְּרוֹי, אַ שְׁוֶועסְטֶער פוּן דֶער טָאמַאשְׁפִּיל רָב (וָואס הָאט אַ גְרוֹיס חֵלֶק אִין דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיף מוֹהַרְנַ"ת).

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר און מֹשֶׁה חִינְקֶעס הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, און עֶס הָאט אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן, און וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען מוֹהַרְנַ"ת הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְן אַ שְׁטֶעךְ און גֶעזָאגְט: "נָאךְ אַלֶעמֶען הָאסְטוּ מִיר גֶעהֵייסְן זִיךְ גֶטְ׳ן און אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער!" אַמָאל הָאט

אִים מוֹהַרְנַ"ת גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צִיוּן אוּן זָאגְן פַּארְן רֶבִּי'ן 'רֶבִּי אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס אִיר הָאט גֶעזָאגְט דוּרְךְ מוֹהַרְנַ"ת, אִיךְ זָאל זִיךְ גֶטְ'ן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן קִינְדֶער, וואוּ אִיז דִי הַבְטָחָה? וואוּ זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער?'"

מֹשֶׁה חִינְקֶעס הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ אוּן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהַרְנַ"ת הָאט אִים גֶעזָאגְט צוּ זָאגְן, לְמַעֲשֶׂה וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן צִיוּן אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ פָּסוּק אִין מַחֲשָׁבָה, דֶער פָּסוּק "זִרְעוּ לָכֶם לִצְדָקָה" (הוֹשֵׁעַ י, יב), עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער רֶבִּי אַלֵיין קוּמְט צוּ אִים אוּן זָאגְט אִים: "דִי ווִילְסְט קִינְדֶער? גֶעבּ צְדָקָה", עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן עֶר הָאט גֶעבּוֹירְן אַ טָאכְטֶער 'מִרְיָם רַייצָא' אוּן שְׁפֶּעטֶער אַ זוּן.

דָארְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן זָאגְט מוֹהַרְנַ"ת: "וּבְעִנְיָן הֶעָשִׁיר הַנַּ"ל יֵשׁ הַרְבֵּה לְסַפֵּר", פוּן דֶעם מֹשֶׁה חִינְקֶעס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן, "וְאֵין כַּאן מְקוֹמוֹ", דָא אִיז נִישְׁט דֶער פְּלַאץ פוּן דֶעם.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, גֵיי צוּם צִיוּן אִין יַבְנְאֵל, זָאג אוֹיס תְּהִלִּים, אוּן זָאג פַּאר מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, יֶעצְט וַוארְט אִיךְ אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ"; וֶועסְטוּ זֶען נִסִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

## זָאל אִיךְ וַוייטֶער בֶּעטְן אוֹיף אַ שִׁדּוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַּאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר טָאג טֶעגְלִיךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ מְקַיֵּם גֶעוֶוען דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צוּ זָאגְן פֶערְצִיג טֶעג קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים מִיט דִי תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ טוּן, עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק, ווייל עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְן אַ הָאפֶענוּנְג אַז אָט אָט גֵיי אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁדּוּךְ, אָבֶער פַאר אַפָּאר טֶעג צוּרִיק אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער פֶערְצִיג טֶעג, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְלוֹירְן דִי חֵשֶׁק עֶס צוּ זָאגְן, אוּן אוֹיךְ צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים, אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיין כֹּחַ מֶער וַוייטֶער צוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אֶפְשָׁר אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרְשְׁט יֶעצְט דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְן, נִישְׁט זִיךְ נָאכְלָאזְן נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין שִׁדּוּךְ, אוּן וַוייטֶער טוּן דִי סְגוּלוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן, אוּן עֶרְשְׁט יֶעצְט - נָאכְן טוּן דִי סְגוּלָה פֶערְצִיג טֶעג אוּן נָאכְאַלְץ הָאסְטוּ נִישְׁט דַיין שִׁדּוּךְ - עֶרְשְׁט יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ זָאגְן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים, ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן חֵלֶק ב', סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"; אוּן אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער פֶערְצִיג טֶעג אוּן דַיין שִׁדּוּךְ אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען - אִיז דָאס בַּיי דִיר 'מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ', זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע סְגוּלוֹת פוּן רֶבִּי'ן. זַיי מַקְפִּיד אוֹיף קִידּוּשׁ לְבָנָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ב): "קִדּוּשׁ לְבָנָה סְגֻלָּה שֶׁיִּמְצָא אָדָם אֶת זִוּוּגוֹ"; זַיי מַקְפִּיד צוּ מַאכְן קִידּוּשׁ לְבָנָה יֶעדְן חוֹדֶשׁ וִוי פְּרִיעֶר, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט קִידּוּשׁ לְבָנָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן אוּן וֶוער נִישְׁט מְיוּאָשׁ, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים אוּן אִין זֵייעֶרֶע סְגוּלוֹת, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט ווִי מֶען וֶוערְט גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן, דַארְף מֶען וַוייטֶער הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין תְּפִלָּה; אַז מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט - דַארְף מֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, מֶען דַארְף וַוייטֶער בֶּעטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן - זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'"; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קֵיין יַבְנְאֵל, גֵיי צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, זָאג דָארְט אוֹיס תְּהִלִּים לִזְכוּת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין דִי צַוָּואָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יז): "אוּן אִיךְ בִּין מְגַלֶּה דַעַת אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים אוֹיף אֵיין מָאל אָן אַ הֶפְסֵק, וֶועל אִיךְ זַיין פַאר זֵיי אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁדּוּךְ פוּן הִימְל, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּזָאג".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים].

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים און עֵצוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

...

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן הֶעלְפְן דִי ״בֵּית הַדְּפוּס״ וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים און עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט.

יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעהָאלְפְן דְרוּקְן דֶעם ווָאוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר ״וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים״ חֵלֶק ב׳; כִּשְׁמוֹ כֵּן הוּא, עֶס שְׁטֵייט אִין דֶעם סֵפֶר עֵצוֹת און חִיזּוּק פַאר מְחַנְּכִים און עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי מְחַזֵּק זַיין און עֶרְצִיעֶן דִי קִינְדֶער.

בִּזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

**שַׁבָּת לֶעכְט פוּן עֶסִיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער יוֹאֵל מְנַחֵם גֶּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וִוי בַּיים טִישׁ אִיז דָא שֵׁיינֶע שַׁבָּת לֶעכְט און וִוי אִין דֶער זַייט שְׁטֵייט אַ פְרוֹי, אֵיידֶל אָנְגֶעטוּן, אַבִּיסְל פַארְוֵויינְט, און בַּיים אוֹיבְן אָן פוּן טִישׁ זִיצְט אַ צַדִּיק און לֶערְנְט, און הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי הֶענְט צוּם הִימְל.

גְרֵייט אָן דִי מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר שַׁבָּת חֲנוּכָּה, דִי מַעֲשֶׂה פוּן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית (כה.), וִוי דִי טָאכְטֶער פוּן רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעצִינְדְן דִי שַׁבָּת לֶעכְט

בְּטָעוּת מִיט עֶסִיג, און וִוי אִיר טַאטֶע הָאט אִיר גֶעלֶערְנְט צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, און עֶס הָאט טַאקֶע פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען: "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ, צוּ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין עֶרְלִיךְ, רֶעדְן פון צַדִיקִים אִיז דִי זַאךְ, אַזוֹי פון בַּאשֶׁעפֶער מֶען טְרַאכְט".

פַארְוָואס וֵויינְט זִי? עֶס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ זֶען אַ מַאמֶע וֵויינְט, אֶפְשָׁר הָאט אִיר אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט? אֶפְשָׁר טוּט אִיר קָאפּ וֵויי...? קוּק, זִי גֵייט צוּ אִיר טַאטֶע דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא; לָאמִיר הֶערְן וָואס דָא גֵייט פָּאר.

"טַאטֶע... טַאטֶע..." כְּלִיפֶּעט זִי, "יָא טָאכְטֶער'ל, וָואס קֶען אִיךְ דִיר הֶעלְפְן? פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" פְרֶעגְט דֶער טַאטֶע, זָאגְט זִי: "אִיךְ הָאבּ גֶעצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת לֶעכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט לֵייגְן אִין דִי לַייכְטֶער אוֹיל פון אֵיילְבִּירְטְן, שֶׁמֶן זַיִת, און עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ טָעוּת, עֶס אִיז פַארְטוֹישְׁט גֶעוָוארְן מִיט עֶסִיג, יֶעצְט נָאכְן אָנְצִינְדְן דִי לֶעכְט שְׁמֶעק אִיךְ דָא דִי שְׁלֶעכְטֶע עֶסִיג גֶערוּךְ, און עֶסִיג בְּרֶענְט נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר מִינוּט, יֶעצְט וֶועט זַיין טִינְקְל אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ ווִיל מַיינֶע שֵׁיינֶע שַׁבָּת לֶעכְט זָאלְן בְּרֶענֶען בִּיז נָאךְ דִי סְעוּדָה, אוֹי וֵויי... אוֹי וֵויי..."

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא זָאגְט אִיר: "טָאכְטֶער'ל זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, מִיר קֶענֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ נֵס אַז דִי עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען, וַוייל דֶער וָואס מַאכְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען וֶועט מַאכְן אַז עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען... לָאמִיר בֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַז דִי שַׁבָּת לֶעכְט זָאל בְּרֶענֶען, עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן, און אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט דִי טֶבַע פון דִי וֶועלְט אַז אוֹיל - שֶׁמֶן זַיִת - בְּרֶענְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוּנְז הֶעלְפְן עֶס זָאל בְּרֶענֶען דִי שַׁבָּת לֶעכְט פון עֶסִיג, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה'".

קִינְדֶער עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ נֵס, דִי לֶעכְט הָאט גֶעבְּרֶענְט, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט בַּיי דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, אוֹיךְ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הָאט נָאךְ גֶעבְּרֶענְט דִי לֶעכְט, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת, מֶען הָאט גֶענוּמֶען פון דִי לֶעכְט פַייעֶר אָנְצוּצִינְדְן דִי הַבְדָלָה לֶעכְט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס אַז עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין תְּפִלָּה, אוּן אַז מֶען בֶּעט אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִין תְּפִלָּה - זֶעט מֶען נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, בִּפְרַט פַארְן זַיין דֶער מְלַמֵּד דִי יָאר פַאר מַיין זוּן ... הַצַּדִּיק, עֶר קֶען זֵייעֶר גוּט דִי גְמָרָא רַשִׁ״י אוּן חוּמָשׁ רַשִׁ״י, אוֹיךְ פַארְן אִים לֶערְנֶען מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ וֵוייס דִי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, יֶעדְן טָאג פְּרוּבִּירְן דִי קִינְדֶער אוֹיס דֶעם מְלַמֵּד פוּנְדָאסְנֵיי, וְויפִיל סַבְלָנוּת מֶען דַארְף הָאבְּן צוּ זֵיי; אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה, פַאר דִי יָאר אוּן פַאר אַלֶע יָארְן, פַאר אַלֶע קִינְדֶער, אוּן פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר.

זָאלְסְט וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**... וּמִשְׁפַּחְתּוֹ**

## זוּךְ דָאס גוּטְס, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפו לִפְרָט קָטָן

**יוֹאֵל מְנַחֵם גֶּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר פַאר פַּרְשַׁת מִקֵּץ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר טָרוּד, מַיין וַוייבּ אִיז נָאכְאַמָאל אַרַיין מִיט מַיין קְלֵיינֶער קִינְד עַמְרָם זָאל זַיין גֶעזוּנְט אִין שְׁפִּיטָאל, פוּן נֶעכְטְן אִיז זִי דָארְט אִין שְׁפִּיטָאל אוּן יֶעצְט זֶעט אוֹיס אַז שַׁבָּת וֶועט זִי דַארְפְן בְּלַייבְּן אִין שְׁפִּיטָאל מִיט דָאס קִינְד, דַארְף אִיךְ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת אוּן בְּעִיקָר זַיין פְרֵיילִיךְ; וַוייל דָאס אַלֶעס מַאכְט מֶען זָאל וֶוערְן אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט, מֶען מוּז זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן זִיךְ בַּאנִיצְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הֶער פוּן לֵייבִּי אַז דִי הַדְפָּסָה אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ לָאךְ פוּן חוֹבוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעצָאלְט דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן גֶעהַאלְט, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ פַאר אִים אוֹיסְגֶעוֵויינְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אָנְגֵיין אָן דִי גֶעהַאלְט; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ דֶערְהַאלְט זִיךְ, זוּךְ דָאס גוּטְס אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם - וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע.

אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט מַאֲרִיךְ זַיין אָבֶּער אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ מַיינֶע קִינְדֶער אוּן עֶפֶּעס טְרָאגְן פַאר מַיין וַוייבּ זַאכְן פַאר שַׁבָּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה אִינְדָארְסְקִי נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הֶער פוּנֶעם מְשַׁמֵּשׁ ר' יִשְׂרָאֵל פוּקְס נֵרוֹ יָאִיר אַז דוּ הֶעלְפְּסְט רֵיינִיגְן דִי מִקְוֶה אוּן אוֹיךְ וַואשְׁסְטוּ דִי הַאנְטוּכֶער, אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן דוּרְכְן רֵיינִיגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל. דָאס וֵוייסְטוּ אַוַדַאי אַז מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דָאס טוּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען אִין דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ שׁוּל אִין בָּארָא פַּארְק אוּן גֶעוַואשְׁן דִי פְלָאר מִיט דִי בֵּית הַכִּסֵא'ס אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, גֶערֶעדְט אוּן גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט,

ווען ער פלעגט ריייניגן דעם בית המדרש האט ער געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל קענען אריינברענגען דעם רבי'ן אין די וועלט.

הייב אן דיין טאג מיט אכצן פרקים משניות און א יום תהלים און זיבן בלאט גמרא, זאג די ווערטער פון די תורה, וועסטו אויסוואקסן א גרויסער צדיק.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## באגלייטן די תלמידים נאך די חתונה

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת וישב, מברכין החודש, כ״ב כסליו, שנת תשפ״ו לפרט קטן

**משה שמואל שטעסל נרו יאיר, מגיד שעור ישיבת היכל הקודש ירושלים**

איך וויל דו זאלסט אנהאלטן א קשר מיט דיינע תלמידים נאך די חתונה, זיי לערנען ווי אזוי מוהרא״ש האט אונז געלערנט ווי אזוי צו לעבן מיט א ווייב.

עס איז מיר שווער צו שרייבן מפני הצניעות, איך וויל דו זאלסט מיך רופן, איך וויל איבערגיין מיט דיר ווי אזוי דו זאלסט מדריך זיין די תלמידים נאך די חתונה. אמאל איז געווען צייט פאר מיר צו טון דאס אלעס אליינס, היינט ווען די קהילה ווערט גרעסער און גרעסער - דארף איך תלמידים זאלן מיר העלפן טון די ארבעט.

איך וויל דו זאלסט מיר העלפן מיט דעם פרט, באגלייטן די תלמידים נאך די חתונה זיי זאלן לעבן א זיסע לעבן מיט די תורה, מיטן אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## מִצְוָה טַאנְץ אִיז נָאר פַאר מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**דָוִד פוּקְס נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְן מִיר הֶעלְפְן מַאכְן דִי חֲתוּנוֹת אִין שׁוּל, פַארְן זִינְגֶען בַּיי דִי חוּפָּה אוּן אוֹיסְרוּפְן "יַעֲמוֹד" בַּיי מִצְוָה טַאנְץ.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מִיר הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַ תַּקָּנָה אַז בָּחוּרִים קֶענֶען נִישְׁט זַיין בַּיים מִצְוָה טַאנְץ, דֶער שַׁמָּשׁ וָואס הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן יַעֲמוֹד הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן נָאכְן בֶּענְטְשְׁן אַז אַלֶע בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה דַארְפְן אַהֵיים גֵיין, אוּן ווִי לַאנְג עֶר הָאט גֶעזֶען בָּחוּרִים אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאט מֶען נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְן אוֹיסְרוּפְן, זֶעט אוֹיס מִיט דֶער צַייט אִיז דָאס פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אוֹיסְרוּפְן אֵיידֶער מֶען הֵייבְּט אָן מִצְוָה טַאנְץ דֶעם לָשׁוֹן: "אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן אַהֵיים גֵיין, מִצְוָה טַאנְץ אִיז נָאר פַאר מִשְׁפָּחָה", אוּן אַז דִי בָּחוּרִים מַאכְן זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן זָאלְסְטוּ וַוארְטְן בִּיז זֵיי וֶועלְן אַהֵיים גֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דַיין וַוייבּ, זִי הֶעלְפְט בַּיי דִי וַוייבֶּער זַייט, אַז זִי זָאל זָאגְן פַאר אַלֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיים מִצְוָה טַאנְץ.

אִיךְ ווִיל עֶס זָאל זַיין קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה בַּיי אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת, אוּן אַז נִישְׁט וֶועל אִיךְ מֶער נִישְׁט קוּמֶען טַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי זִיךְ מְחַזֵּק, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ - צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער וָואס רוּפְן נִישְׁט - זָאלְן

ענק זיי רופן, ווייל נישט אלע קינדער געדענקען די חשיבות פון רופן עלטערן און קומען באזוכן די עלטערן; דארפן די עלטערן זיי רופן, נישט זיך אויפעסן וכו' וכו'.

אויך זאלסטו זיך שטארקן און אויך מחזק זיין דיין ווייב צו קוקן גוט אויף די זין און טעכטער, איידעמער און שנירן; מען מוז קוקן גוט אויף די קינדער און האבן אסאך סבלנות, ווייל אז עלטערן קוקן גוט אויף זייערע קינדער ווערן די קינדער גוט, און דאס מאכט די קינדער זאלן זיך שפירן באקוועם צו קומען צו די עלטערן, זיך דרייען ביי די עלטערן, און נישט זוכן צו פאשען אין נישט גוטע פלעצער.

ליבער ברודער, די גאס ציט זיך זייער צו לינקס, די נסיונות ווערן שווערער און שווערער, בעיקר פאר די בני הנעורים; מוזן די עלטערן פארקוקן וכו', און נאר מאכן אן עסק פון דאס גוטס, און אזוי איז מען זוכה צו נחת.

דאס איז דעם רבינ'ס דיבורים געבויט אויף די תורה אין סימן רפ"ב, דאס איז פון די יסודות אין חסידות ברסלב, אז דורך קוקן גוט אויף אנדערע - מאכט מען זיי גוט.

...

**הכרת הטוב אויף וואס איר טוט מיט אונזער קינד**

בעזרת ה' יתברך - חנוכה, שנת תשפ"ו לפרט קטן

**לכבוד דער חשוב'ער מגיד שיעור ... שליט"א**

אַ גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס איר טוט מיט אונזערע קינדער, בפרט מיט אונזער זון ... נרו יאיר.

סיי איך און סיי מיין ווייב ווילן אויסדרוקן אונזער הכרת הטוב אויף וואס איר טוט מיט אונזער ..., ער גייט שוין בר מצוה האבן און ער האט די יאר גאר א גוטער מגיד שיעור וואס פילט אים אן מיט יראת שמים, מידות טובות, שכל און חיזוק פון רבי'ן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

... וּמִשְׁפַּחְתּוֹ

## נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף דִי וַוייבְ׳ס מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ״ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶס הָאט דִיר זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן אִין דַיין לֶעבְן וְכוּ׳ דִי נַייעֶ שִׁיעוּרִים פוּן "הִתְאַחֲדוּת הָאַבְרֵכִים דְחַסִידֵי בְּרֶסְלֶב", עֶס הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן אִין דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ׳; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין גְלַייךְ נָאךְ חֲנוּכָּה מִיט מַאכְן חֲבוּרוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט, תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי עֶלְטֶער.

פַאר דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ אוֹיסְלוֹיבְּן אִיר מִשְׁפָּחָה, נִישְׁט מַאכְן וֶוערְטְלֶעךְ אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אֲפִילוּ זִי וֶועט זִיךְ אַמָאל צוּרֶעדְן אוֹיף זֵיי זָאלְסְטוּ נִישְׁט מִיט רֶעדְן, נָאר אִיר אוֹיסְהֶערְן; וַוייל וֶוען אַ פְרֶעמְדֶער רֶעדְט אוֹיף עֶלְטֶערְן - טוּט דָאס וֵויי.

לֶערְן יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר מְזַכֵּךְ זַיין דַיין נְשָׁמָה.

...

## בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ״ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, וִוילְיַאמְסְבּוּרְג**

הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט דִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דַיין דְזָשַׁאבּ וְכוּ׳; אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ מַאכְן אַ גֶעשֶׁעפְט מִיט דִיר, זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט אַרוֹיסְצוּגֵיין בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, מֶער בְּרֶיוַוח אוּן גְרִינְגֶער וִוי דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט בִּיז אַהֶער.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט, גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ,

און אַז דו קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן - פון לֶעבְן יָארְן מִיט אַ פַּארְדְרֵייטֶע סֵדֶר הַיּוֹם, שְׁלָאפְן בַּייטָאג און אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט - קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין פַּארְבְּרֶענֶען דִי נֶעכְט אִינְדְרוֹיסְן פון שְׁטוּבּ; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

יֶעצְט חֲנוּכָּה זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנַייעֶן אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און זִיבְן בְּלַאט גְמָרָא, עֶנְדִיג מִשְׁנָיוֹת יֶעדֶע חוֹדֶשׁ, און שַׁ״ס - לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ יָאר.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְן אִין אַ פִּיצְקֶעלֶע דִירָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, דְזְשֶׁערְזִי סִיטִי**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ און דַיין וַוייבּ ווִילְן קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל פַאר דִי חִינוּךְ פון עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, עֶנְק וַוארְטְן אוֹיף אַ דִירָה וְכוּ׳.

בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְן עֶנְק זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן צוּ אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה דָארְט וואוּ עֶנְק וואוֹינֶען, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְן אִין אַ פִּיצְקֶעלֶע דִירָה, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט; אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע מֹחַ, אַ בְּרֵייטֶע דִירָה - צוּ קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ וָואס הָאט פַּאסִירְט זוּמֶער וְכוּ׳; אִיךְ בֶּעט דִיר אִיבֶּער, אוֹיף מִיר גֵייט אוֹיךְ אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר פַארְגֶעבְּן און מִיר וֶועלְן צוּרִיק בַּאנַייעֶן אוּנְזֶער קֶשֶׁר.

זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת מִיט דִי ״יוֹם תְּהִלִּים״, דָאס מַאכְט זוֹיבֶּער און רֵיין, און אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ; וֶועסְט שְׁפִּירְן אָנְגֶעפִילְט.

...

## נִישְׁט נִיצְן אַ "יוּנִי-סֵייקְל"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

מַזָּל טוֹב צוּ דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע אִינְגְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אִים מְגַדֵּל זַיין לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָמֵן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מֶער נִישְׁט נִיצְן דִי "יוּנִי-סֵייקְל", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. דִי אִינְגֶעלַייט פוּן "חֶבְרָה הַצָּלָה" שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען מֶען זָאל דָאס נִישְׁט נִיצְן, וַוייל דָאס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ נָאכְאַמָאל גֶעהַאט אַ נֵס אַז מֶען הָאט דִיךְ גֶעטְרָאפְן לִיגְן צֶעבְּלוּטִיגְט אַפָּאר שָׁעָה פַאר דִי וַואךְ נַאכְט פוּן דַיין בְּכוֹר; עֶס אִיז נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען פִירְט דִיךְ אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל צוּלִיב דִי פָארֶעדִיגֶע רֶעדְל, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט נִיצְן, דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים ד, טו): "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם", זָאלְסְטוּ דָאס מֶער נִישְׁט נִיצְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צוּרִיק אָנְהֵייבְּן גֵיין "הֲפָצָה", גֵיי אַרִיבֶּער ווילְיַאמְסְבּוּרְג טִיר בַּיי טִיר, גַאס בַּיי גַאס, נֶעם אַ זֶעקְל מִיט סְפָרִים, סִידוּרִים, גִּלְיוֹנוֹת, יוּ עֶס בִּי - אִין אִידִישׁ, עֶנְגְלִישׁ, אוֹיךְ אַבִּיסְל לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ; דוּ וֶועסְט דוּרְכְדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן דִי גְרֶעסְטֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן טוּן דִי ווִילְן פוּן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## לֶערְנֶען פְּרִיוַואט צוּ קֶענֶען גוּט לֵיינֶען עִבְרִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיטְן מְנַהֵל מֶען זָאל מְסַדֵּר זַיין פַאר דִיר צוּ לֶערְנֶען פְּרִיוַואט צוּ קֶענֶען גוּט לֵיינֶען, אִיךְ בִּין זִיכֶער, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְּרִיוַואט עִבְרִי מִיט דִי עִבְרִי אָפְּטֵיילוּנְג אִין דִי חֵדֶר וָואס הֶעלְפְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט אַזוֹי גוּט אוֹיפְגֶעכַאפְּט גֶעווִיסֶע כְּלָלִים - וֶועסְטוּ

בִּיז גָאר אַ קורְצֶע צַייט קֶענֶען גוּט לֵיינֶען, לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן אֲפִילוּ זַיין אַ בַּעַל קוֹרֵא אוּן אַ בַּעַל תְּפִלָּה.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ בִּיסְט אָפְּן, דוּ בֶּעטְסְט הִילְף, וַוייל פוּן יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, דִי צָרָה אִיז אַז מֶען שֶׁעמְט זִיךְ, מֶען ווִיל נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דִי זַאךְ פוּן זִיךְ הֶעלְפְן וְכוּ׳.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ הָאסְט זֵייעֶר חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן, אִיךְ הָאבּ זֵיי זֵייעֶר לִיבּ; פִיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זֵיי אוּן הֶעלְף אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ.

...

## מִיר שֶׁעצְן אַייעֶר הַארְצִיגֶע אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מַגִּיד שִׁיעוּר ... שְׁלִיטָ״א**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט מִיט אוּנְזֶער זוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר; פַארְן לֶערְנֶען מִיט אִים גְמָרָא, הֲלָכָה, חוּמָשׁ רַשִׁ״י, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אַ צַייט פוּן הַכָּרַת הַטוֹב, אוּן נָאר אַז מֶען הָאט הַכָּרַת הַטוֹב פַאר מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען הַכָּרַת הַטוֹב פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער שִׁיקְן מִיר - אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ - אַ טִיפּ, אַרוֹיסצוּוַאוייזְן אַז מִיר שֶׁעצְן אַייעֶר הַארְצִיגֶע אַרְבֶּעט.

... וּמִשְׁפַּחְתּוֹ

## הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דִי מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער שְׁלֹמֹה מִינְצְבֶּערְג הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן הַיינְט אַז

עֶס פֶּעלְט אִים עֶטְלִיכֶע דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע דֶעם חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו. וויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן שְׁטַארְקְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ הֶעלְפְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת, מֶען זָאל קֶענֶען צָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס אִין צַייט.

וְוִיסְן זָאלְסְטוּ, אוּן לָאז דָאס וְוִיסְן פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָא אִין אַמֶערִיקֶע, דִי וָואס פַּארְדִינֶען וֵויינִיג - בַּאקוּמֶען בֶּענֶעפִיטְן פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, גֶעלְט פַּאר עֶסְן, גֶעלְט פַּאר שְׂכַר לִימוּד, גֶעלְט פַּאר הֵייצוּנְג, גֶעלְט פַּאר רֶענְט וְכוּ׳, דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעבְּט מֶען גָארְנִישְׁט, דָארְט אַז מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט דִי אָרֶעמֶע גֶעהַאלְט - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ.

בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דִי מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת דָארְט.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען וַוארֶעם צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם רֶבִּינְ׳ס מוֹסְדוֹת, מֶען דַארְף זֵיי נָאר רוּפְן אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין צוּ גֶעבְן.

...

**מִתְפַּלֵל זַיין מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד יִצְחָק פָּאפֶּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ וויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מְסַדֵר זַיין, צַאמֶענְעמֶען אַלֶע תַּלְמִידִים פוּן דִי מוֹסְדוֹת, סַיי פוּן יְרוּשָׁלַיִם, בְּנֵי בְּרַק אוּן פוּן טְבֶרְיָה, זֵיי זָאלְן פָארְן זֹאת חֲנוּכָּה קַיין טְבֶרְיָה צוּם קֶבֶר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס מִתְפַּלֵל זַיין.

זֹאת חֲנוּכָּה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אַז זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים. אַלֶע תְּפִילוֹת אוּן אַלֶע מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, סְלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָדוֹשׁ, סוּכּוֹת, הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה; וֶוען עֶס קוּמְט זֹאת חֲנוּכָּה - דֶעמָאלְט וֶוערְט דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט ר׳ אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן, נֶעמֶען פוּן אִים דִי נֶעמֶען פוּן דִי אַלֶע תּוֹמְכִים וָואס גֶעבְּן זֵייעֶר נְדָבָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זֵיי.

אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן פַאר ר׳ אַהֲרֹן זָאל דִיר שִׁיקְן דִי נֶעמֶען מִיט דִי בַּקָשׁוֹת פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען מַזְכִּיר טֶעגְלִיךְ דֶעם צַדִּיק׳ס נָאמֶען אוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, אוּן בֶּעטְן יֶעדֶע מָאל בַּיים גֶעבְּן צְדָקָה אֱלָקָא דְּמֵאִיר עֲנֵנִי.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דִי שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן וְכוּ׳ - דָאס הָאבְּן אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן בְּנֶאֱמָנוּת; נָאר דִי וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט אַן אֱמֶת הָאבְּן דִי מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען, אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען, אִיךְ וֶועל דִיר מוֹדִיעַ זַיין בְּקָרוֹב אוֹיב אִיךְ קוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי צְדָקָה מוֹסְדוֹת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס**

בִּיטֶע זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיטְן מְנַהֵל הַמּוֹסְדוֹת אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע תּוֹמְכִים וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר וֶועט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער קַיין טְבֶרְיָה מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִי אַלֶע בַּיים קֶבֶר פוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס; אוּן אַז דִי תּוֹמְכִים ווִילְן מֶען זָאל בֶּעטְן פַאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַארְן מְנַהֵל אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן דַאוֶונֶען פַאר זֵיי.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, אוּן אַוַדַאי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ מְנִיעוֹת מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת; ווַייל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן פַאר הֵיילִיגֶע זַאכְן דֶעמָאלְט גֵייט עֶס מִיט שְׁוֶועריקֵייטְן.

זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן, אַדְּרַבָּה זָאלְסְט נֶעמֶען פוּן דֶעם חִיזוּק אוֹיף וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר' אֱלִיָּהוּ חַיִּים רוֹזִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן הַצַּדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, (דִי פִּיפְטֶע טָאג חֲנוּכָּה אִיז זַיין יָארְצַייט): "אַ זַאךְ וָואס קוּמְט אָן גְרִינְג אִיז מֶען חוֹשֵׁשׁ אַז דָאס קוּמְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וַוייל אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער"; דִי וֶוערְטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיסֶע חִיזוּק פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, דִי חָשׁוּבֶ'עֶ מְפִיצִים פוּן אֶלְעָד, מֹשֶׁה וַויינְבֶּערְגֶער, חַיִּים יַאקָאבָּאוִויטְשׁ, שְׁמוּאֵלִי קְלֶעצְקִין, נֹחַ לֶוִין, אַבְרָהָם אַבָּא זֵייבַּלְד, אוּשִׁי שֶׁפֶּר אוּן נָאךְ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ הֶער אַז עֶנְק גֵייעֶן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט יֶעדְן טָאג, אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, זָאל זַיין הֵייס, זָאל רֶעגֶענֶען, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין - שְׁטֶעלְן עֶנְק נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, מִיר זָאלְן גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מְקָרֵב זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וַוייסְן עֶנְק, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:) "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה

אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, "וְזָכֵי לְמֵחַמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

קֵיין שׁוּם זַאךְ זָאל עֶנְק נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גִּלְיוֹנוֹת פוּן אֱמוּנָה, דִי גִּלְיוֹנוֹת פוּן שְׁלוֹם בַּיִת אוּן פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים; עֶס בְּרֶענְט אַ פַּייעֶר, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק, נִישְׁטָא קֵיין קְהִילָה, חֲסִידוּת, גָּזַע - וָואס מוּטְשֶׁעֶן זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם וָואס עֶס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן נָאר דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ זֵיי אוּן קֶען זֵיי הֵיילְן.

הַלְוַאי זָאלְן עֶנְק דָאס טוּן אוּן נָאר דָאס טוּן, וַוייל וֶוער עֶס וֵוייסְט נָאר אַבִּיסְל וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, וִוי מֶענְטְשְׁן פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, וִוי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע זִינְד, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן, עֶס וֶוערְט זֵיי אַזוֹי בִּיטֶער בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן נֶעמֶען סַמִּים, מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן שְׁטוּב, מֶען פַאלְט אַוֶועק רַחֲמָנָא לִצְּלָן רַחֲמָנָא לִצְּלָן; נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, נִישְׁטָא וָואס צוּ מַאכְן מִיט זֵיי, אַלֶע הֵייבְּן אוֹיף דִי הֶענְט, קֵיינֶער הָאט צוּ זֵיי נִישְׁט קֵיין שְׁפְּרַאךְ, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי, וִוי אַזוֹי מֶען כַאפְּט זֵיי אָן, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן מִיט זֵיי אַ שְׁטִיקְל שַׁיְיכוּת זֵיי צוּ קֶענֶען הַאלְטְן, זֵיי זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַאלְן נָאךְ וַוייטֶער אוּן נָאךְ מֶער רַחֲמָנָא לִצְּלָן; נָאר דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת, מִיט זַיינֶע וַוארֶעמֶע הִתְחַזְּקוּת - הָאט דִי שְׁפְּרַאךְ זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען.

הַלְוַואי זָאלְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן יְרוּשָׁלַיִם, בְּנֵי בְּרַק, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער -

ענק נאכמאכן מיט חבורות פון הַפָּצָה, און נאר עוסק זיין אין דעם; מען דארף נישט פון קיינעם קיין רְשׁוּת צו גיין הַפָּצָה, מען דארף דאס טון מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הַצְלָחָה אין אלע עִנְיָנִים.

א פריילעכן חֲנוּכָּה.

...

## די איבערלעבענישן פון הייליגן רבי נתן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא**

איך האב זייער הַנָּאָה צו הערן גוטע גריסן אויף אייער אויפפירונג, ווי שיין איר פירט זיך, איר זענט א שטאלץ פאר בית פייגא.

דאס וואס איר פרעגט, אז עס זעט אויס ווי א סְתִירָה, איינמאל הערט איר אז רבי נתן האט געהאט זעקס קינדער פאר די זעקס בענקלעך וואס ער האט געבראכט פארן רבי'ן פאר א פִּדְיוֹן, און לויט די נעמען פון זיינע קינדער זעט אויס אז רבי נתן האט געהאט מער ווי זעקס קינדער; איר ווילט וויסן וויפיל קינדער רבי נתן האט געהאט.

מִן הַסְתָּם פארמישט איר רבי נתן'ס אייגענע קינדער מיט זיינע שטיף קינדער. מוהרנ"ת האט געהאט זעקס קינדער, און ווען ער האט חַתוּנָה געהאט בְּזִוּוּג שֵׁנִי מיט די צווייטע ווייב, מָרַת דישל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם האט זי מיט געבראכט שמואל שמעלקא, מיט נאך א טאכטער - חַיָּה.

מוהרנ"ת האט געהאט מיט זיין ערשטע פרוי פיר קינדער, דער עלטסטער קינד איז געווען הַצַּדִּיק ר' שַׁכְנָא, דער צווייטער קינד איז געווען הַצַּדִּיק ר' יִצְחָק, די דריטע קינד איז געווען זיין בַּת יְחִידָה חַנָּה צירל, און זיין פערטע קינד איז געווען ר' דָּוִד צְבִי. מיט זיין צווייטע ווייב האט ער געהאט נאך צוויי קינדער ר' נַחְמָן און ר' יוֹסֵף יוֹנָה, און די צווייטע ווייב האט מיט געבראכט צוויי קינדער שמואל שמעלקא און חַיָ'.

מוֹהַרְנַ"ת הָאט אַסַאךְ גֶעלִיטְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דֶער צְוֵוייטֶער זוּן ר' יִצְחָק הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט קַיין טְשֶׁערְקַאס, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט.

טְשֶׁערְקַאס אִיז וַוייט פוּן בְּרֶסְלֶב, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פַּאר אִים צוּ הַאלְטְן קֶשֶׁר מִיט זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ זִיךְ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, אוּן טַאקֶע אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעהַאלְטְן זַיין קֶשֶׁר, דִי הוּנְדֶערְטֶער בְּרִיוו פוּן סֵפֶר עֲלִים לִתְרוּפָה אִיז רוֹב צוּ זַיין זוּן ר' יִצְחָק. עֶר הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַּאר זַיין טַאטֶע רֶבִּי נָתָן אַז זַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אִים, מוֹהַרְנַ"ת אִיז אַרָאפְּגֶעפָארְן קַיין טְשֶׁערְקַאס רֶעדְן מִיט זַיין מְחוּתָּן אַז מֶען דַארְף זִיךְ גֶטְ'ן, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נִישְׁט לֶעבְּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, דֶער מְחוּתָּן הָאט זֵייעֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְלִירְן אַזַא טַייעֶרֶער אֵיידֶעם ווִי הַצַדִיק ר' יִצְחָק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מוֹהַרְנַ"ת זָאל רֶעדְן צוּ זַיין זוּן מֶען זָאל וַוארְטְן, אֶפְשָׁר וֶועט זִי עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט זִי יָא וֶועלְן לֶעבְּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן. מוֹהַרְנַ"ת אִיז אַרוֹיס אִין גַאס אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד מֶען הַרְגְ'עט מַיין זוּן!!!" מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעלָאפְן אוּן מֶען הָאט צוּגֶערֶעדְט דֶעם מְחוּתָּן עֶר זָאל זֶען זַיין טָאכְטֶער זָאל נֶעמֶען אַ גֶט, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעגֶ'ט. עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ צְוֵוייטֶע וַוייבּ, חַנָה; זִי אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ מִשְׁפָּחָה פוּן מִתְנַגְדִים, זִי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַּיינִיגְט דֶעם ר' יִצְחָק, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז מוֹהַרְנַ"ת הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מַיין זוּן וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעגֶ'ט אֵיינְמָאל - וָואלְט אִיךְ אִים גֶעהֵייסְן זִיךְ גֶטְ'ן".

אוֹיךְ אִין פַּרְנָסָה הָאט זִיךְ ר' יִצְחָק גֶעמוּטְשֶׁעט, אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בְּלַייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן - הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶר קֶען דָאס טוּן נָאר בִּתְנַאי אַז רֶבִּי נָתָן וֶועט אִים אוֹיסְהַאלְטְן. מוֹהַרְנַ"ת הָאט אִים גֶעזָאגְט: "מַיין גַאנְצֶע אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן וָואס אִיךְ הָאבּ - דַארְף אִיךְ פַּאר מִיר אַליין", אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער ר' יִצְחָק גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט דְרַיי אַפְּצִיעֶס; אָדֶער אַרְבֶּעטְן אִין אַ מִיל, אָדֶער שְׁנַיידְן הָאלְץ, אָדֶער בַּיי דִי פָּאסְט אָפִיס,

רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶנְדֶערְשׁ אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי פָּאסְט"; אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

דִי טָאכְטֶער דִי בַּת יְחִידָה חַנָּה צִירְל הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ זוּן פוּנֶעם בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רָב רֶבִּי אַהֲרֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. מוֹהֲרְנַ"ת הָאט בַּאמֶערְקְט נָאךְ אִיר חֲתוּנָה אַז זִי אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס גֵייט פָאר, הָאט זִי גֶעזָאגְט: "טַאטֶע אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ מַלְאָךְ, עֶר אִיז נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשׁ, אִיךְ ווִיל אַ מַאן מִיט וֶועם צוּ לֶעבְּן", אוּן זִי הָאט זִיךְ גֶע'גֶט.

אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלִיטְן פוּן זַיין זוּן ר' דָוִד צְבִי, עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן דִי נָאמֶען פוּן רֶבִּי נָתָן'ס שְׁוֶוער. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען, עֶר הָאט דִי מֶערְסְטֶע אַרַיינְגֶערָאטְן אִין טַאטְן - רֶבִּי נָתָן; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אָבֶּער אַלְס קִינְד אִיז עֶר אַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן הִינְקֶעדִיג אוּן בַּאקוּמֶען אַ הוֹיקֶער, אַזוֹי אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין שַׁאפְן פַּרְנָסָה, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעדַארְפְט אוֹיסְהַאלְטְן אוּן אַלֶעס טוּן פַאר אִים. אַ שִׁידוּךְ אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע צַייט פוּן דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיף מוֹהֲרְנַ"ת, בְּנוֹסָף אַז עֶר הָאט אַזוֹי גֶעהִינְקֶעט וְכוּ'; עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִי שְׁטִיף שְׁוֶועסְטֶער, דִי צַדֵיקֶת חַנָּה, דִי טָאכְטֶער פוּן דִי שְׁטִיף מַאמֶע דִי צַדֵיקֶת דִישְׁל.

אוֹיךְ הָאט רֶבִּי דָוִד צְבִי פַארְלוֹירְן זַיין בֶּן יָחִיד, מֶען זֶעט אִין דִי בְּרִיוו פוּן עַלִים לִתְרוּפָה ווִי מוֹהֲרְנַ"ת בַּאוֵויינְט דִי פְּטִירָה. אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז ר' דָוִד צְבִי'ס וַוייבּ אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי נָתָן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה, ווַייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט טְרֵייסְטְן, אוּן טְרֵייסְטְן זַיין וַוייבּ וָואס הָאט פַארְלוֹירְן אִיר טָאכְטֶער, אוּן טְרֵייסְטְן זַיין זוּן ר' דָוִד צְבִי; קוּקְט אַרַיין אִין עַלִים לִתְרוּפָה, דִי בְּרִיוְון פוּן חוֹדֶשׁ אֲדָר שְׁנַת תרל"ד, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס הָאט פַאסִירְט דִי אוּמְגְלִיק ווִי מוֹהֲרְנַ"ת אִיז זִיךְ מְחַזֵק.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן מוֹהֲרְנַ"ת מִיט אַזַא וואוּנְדֶער; ווִי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַזוֹיפִיל לַיידְן אוּן הָאבְּן דִי כֹּחוֹת צוּ מְחַזֵק זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז עַד הַיּוֹם הַזֶּה לֶעבְּט דִי וֶועלְט פוּן מוֹהֲרְנַ"תְ'ס הִתְחַזְקוּת.

רֶבִּי נָתָן אַלֵיין הָאט פַארְלוֹירְן זַיין וַוייבּ, זִי אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן,

און דֶעמָאלְט אִיז גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אֵיינֶער פוּן רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, דֶער צַדִיק רֶבִּי יוּדְל. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ זִי זָאל גֵיין צוּ אִים בֶּעטְן אַ בְּרָכָה, וֶוען זִי אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה צוּ וֶוערְן גֶעזוּנְט אִיז רֶבִּי יוּדְל גֶעוָוארְן רוֹיט וִוי פַּייעֶר און גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז אַרוֹיס הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, מוֹהַרְנַ"ת דַארְף בְּרֶענְגֶען נָאךְ צְוֵויי קִינְדֶער".

וֶוען זִי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט הָאט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, און עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ, דִישְׁל, און גֶעבּוֹירְן דֶעם צַדִיק נַחְמָן. דֶער נַחְמָן אִיז גֶעוָוארְן אַן אֵיידֶעם בַּיי יִשְׂרָאֵל פוּן לִיפָּאוִויץ, און בַּיי זַיין חֲתוּנָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים, וַוייל דֶער מִנְהָג פְּלֶעגְט זַיין אַז וֶוען דֶער חָתָן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה פְּלֶעגְן אָנְקוּמֶען אִין שְׁטָאט, פְּלֶעגְט דִי כַּלָה'ס מִשְׁפָּחָה אַרוֹיסְגֵיין זֵיי מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מִיט מוּזִיק און גֶעזַאנְג, און זֵיי אַריינְפִירְן אִין שְׁטָאט. וֶוען דִי מִתְנַגְדִים פוּן לִיפָּאוִויץ הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז רֶבִּי נָתָן קוּמְט, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מִיט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט קַבָּלַת פָּנִים, מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס און שְׁטֵיינֶער, און דִי כַּלָה'ס מִשְׁפָּחָה הָאט גֶערוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי וְכוּ', און בִּיז דֶערְוַוייל אִיז רֶבִּי נָתָן אַנְטְלָאפְן אִין וַואלְד. וֶוען דִי פָּאלִיצֵיי הָאט גֶעמַאכְט סֵדֶר אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען זוּכְן רֶבִּי נָתָן, הָאט מֶען אִים גֶעטְרָאפְן אִינְמִיטְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיט דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוער אִין דֶער וֶועלְט בַּאקוּמְט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים וִוי אִיךְ? אֲפִילוּ וֶוען דֶער פְּשׁוּטְ'עֶר וַואסֶער טְרֶעגֶער מַאכְט חֲתוּנָה זַיין זוּן בַּאקוּמְט עֶר נִישְׁט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס קוּמְט מִיר אַזַא קַבָּלַת פָּנִים? אִיז דָאס נָאר וַוייל אִיךְ אַנְטְפְּלֶעק דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסְקֵייט און זַיינֶע עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט", נָאכְדֶעם הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער: "אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט און אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט, וֶועט מֶען זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען", עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען צוּ זִיךְ דִי וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, מִיטְן נִיגוּן פוּן אֵשֶׁת חַיִל, נָאכְדֶעם הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט וִוי זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים, אִיז עֶר מִיט אִים גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי חֲתוּנָה און זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט.

דֶער יוּנְגְסְטֶער זוּן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט שׁוֹין נָאכְן פְּטִירָה פוּן רֶבִּי נָתָן, מִיט זַיין נִיס אֶסְתֵּר שֵׁינְדְל, אַ טָאכְטֶער פוּן חַנָּה צִירְל.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין אִיךְ דַארְף גֵיין צִינְדְן חֲנוּכָּה לֶעכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

### כִּתָּה ג׳ אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן בַּיי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט מִיט מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.

עֶר קֶען זֵייעֶר גוּט אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט, עֶר קֶען דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ מִיט דִי רַשִׁ״יס גָאר גוּט, אוֹיךְ דַאוֶוענְט עֶר שֵׁיין, עֶר זִינְגְט זְמִירוֹת סַיי שַׁבָּתִים אוּן אוֹיךְ יֶעצְט חֲנוּכָּה הַאלְט עֶר זֵייעֶר שֵׁיין מִיט.

בִּיסְט אַ כִּתָּה ג׳ מְלַמֵּד; זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן פַאר אֵיין רֶגַע אַז דָאס זֶענֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וַוייל דִי יָאר אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן בַּיי קִינְדֶער, מֶען גֶעדֶענְקְט אַלֶעס פוּן דֶעם יָאר, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ בִּיז הַיינְט מַיין כִּתָּה ג׳ מְלַמֵּד אוּן דִי לִימוּדִים וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

שְׁכּ֖חַ פַאר אַלֶעס.

...

### אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן, אִיר הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן אַייעֶר

סְמַארְטְפָאוֹן - דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מְסִירוּת נֶפֶשׁ; וַוייל וֶוען מֶען הָאט דָאס אִיז מֶען אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס אַוֶועק צוּ לֵייגְן, וואוּיל אִיז אַייךְ און וואוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק; בִּזְכוּת דֶעם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, און צוּ נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

אִין אָנְהֵייבּ וֶועט אַייךְ דָאס זַיין שְׁוֶוער, אַייעֶרֶע חַבֶרְ׳טֶעס וֶועלְן אַייךְ פְרֶעגְן פַארְוָואס מֶען זֶעט אַייךְ מֶער נִישְׁט אוֹיף אִינְסְטֶעגְרַאם וְכַדוֹמֶה; בֶּעט אִיךְ אַייךְ, הַאלְטְס אַייךְ שְׁטַארְק, פַאלְט נִישְׁט פַאר דִי חַבֶרְ׳טֶעס, און אַז אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק וֶועלְן אַייעֶרֶע חַבֶרְ׳טֶעס אַייךְ נָאכְמַאכְן, און צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועלְן אַלֶע דָאס אַוֶועק וַוארְפְן.

אִיר הָאט גֶעפְרֶעגְט וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען דָא מִיט אַייעֶר מַאן וָואס פַאר אַ גוּטֶע קַבָּלָה זִיךְ צוּ פָארְנֶעמֶען אִין צְנִיעוּת; נֶעמְט זִיךְ פָאר נִישְׁט צוּ זַיין - אֲפִילוּ אִין שְׁטוּבּ - מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע קָאפּ, און אֲפִילוּ בַּיים זִיךְ אִיבֶּערְטוּן פוּן אֵיין צוּדֶעק צוּ אַן אַנְדֶערְן צוּדֶעק - זָאל דָאס זַיין אֵיינֶע נָאכְן צְוֵויטְן, נִישְׁט זַיין אָן אַ צוּדֶעק.

...

### גוּטֶע מִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין מַגִיד שִׁיעוּר זָאגְט מִיר עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס דוּ ווילְסְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר רֶעדְט צוּ דִיר און דוּ עֶנְטְפֶערְסְט אִים נִישְׁט, דוּ בְּלָאזְט אוֹיף אִים; עֶר בֶּעט מִיר אוֹיבּ אִיךְ קֶען אוֹיסְפָארְשְׁן וָואס גֵייט פָאר.

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דָאס אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג, אוֹיבּ עֶפֶּעס שְׁטֶערְט - דַארְף מֶען רֶעדְן; דָאס בְּלָאזְן, דָאס נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן - אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, מֶען קֶען אַסַאךְ לַיידְן פוּן דֶעם. וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען בַּאגֵיין מִיט אַ וַוייבּ? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְּן אַזוֹי? אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן דִיר דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן

דַיין מַגִיד שִׁיעוּר, אוּן אַז עֶפֶּעס שְׁטֶערְט דִיר - זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. דַיין מַגִיד שִׁיעוּר וִויל זִיךְ מִיט דִיר נִישְׁט קְרִיגְן, דַיין מַגִיד שִׁיעוּר וִויל דִיךְ מְחַנֵךְ זַיין; זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז עֶר פְרֶעגְט דִיר זַאכְן - זָאלְסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן, נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער...

נָאךְ אַבִּיסְל דַארְפְסְטוּ אַ שִׁידוּךְ; וָואס מֵיינְסְטוּ, וֶוערְט וֶועט נֶעמֶען אַ בָּחוּר פַּאר אַן אֵיידֶעם וָואס בְּלָאזְט, וָואס גְרוֹיסְט זִיךְ, וָואס קָאפֶּעט אוּן בְּרִיקֶעט וְכוּ'? מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אוֹיף וָואס מִיר זָאלְן קוּקְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ שִׁידוּךְ טוּן, מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת, מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען (פָּרָשַׁת הַקְּטֹרֶת; כְּרִיתוּת ו:): "אִם כְּמִדָּתָהּ כְּשֵׁרָה", אִם כְּמִדָּתָהּ - אֵיינֶער וָואס הָאט גוּטֶע מִידוֹת, אִיז שׁוֹין אַ סִימָן: כְּשֵׁרָה - אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ בֶּעט דִיר פוּן מַיין הַאַרְץ, בַּאגְרִיס דַיינֶע מַגִידֵי שִׁיעוּר, בַּאגְרִיס דַיין מְנַהֵל, בַּאגְרִיס יֶעדְן דֶערְוַואקְסֶענֶעם מֶענְטְשׁ, סַיי אִינְדֶערְפְרִי אוּן סַיי אוֹיפְדֶערְנַאכְט, רֶעד שֵׁיין צוּ אַלֶעמֶען אוּן זִיכֶער צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דַיין טַייעֶרֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים.

...

## גֶע'חָלוֹמְ'ט ווי אַ שְׁלַאנְג הָאט גֶעבִּיסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ דִי חָלוֹם פוּן דַיין וַוייבּ, אַז אַ שְׁלַאנְג הָאט אִיר גֶעבִּיסְן; דָאס אִיז אַ גוּטֶע חָלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) דֶער וָואס חָלוֹמְ'ט זִיךְ פוּן אַ שְׁלַאנְג - "פַּרְנָסָתוֹ מְזֻמֶּנֶת לוֹ", וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה, אַזוֹי ווִי דֶער שְׁלַאנְג הָאט אַלְץ עֶסְן; "נְשָׁכוֹ", אוֹיבּ חָלוֹמְ'ט עֶר זִיךְ ווִי עֶר כַאפְּט אַ בִּיס פוּנֶעם שְׁלַאנְג - "נִכְפְּלָה לוֹ", וֶועט עֶר הָאבְּן דָאפְּלְט פַּרְנָסָה; זָאל עֶנְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁן מִיט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן וֶוען דוּ קֶענְסְט נָאר - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. צִינְד אַ לֶעכְט אוּן זָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וּבְעִקָּר זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד דָארְט, בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִלּוֹת אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער אִיז נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל אִים אוֹיסְהֶערְן, עַיֵּין שָׁם.

...

## זִיךְ אַלֵיין צֶעשְׁנַיידְן וֶוען עֶפֶּעס שְׁטֶערְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דָאס וָואס אִיר טוּט זִיךְ וֵויי, אִיר צֶעשְׁנַיידְט זִיךְ, יֶעדֶע מָאל עֶפֶּעס שְׁטֶערְט אַייךְ נֶעמְט אִיר אָדֶער אַ מֶעסֶער אוּן אִיר צֶעשְׁנַיידְט זִיךְ, אָדֶער בַּייסְט אִיר זִיךְ וְכוּ'; דָאס קוּמְט פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, פוּן אַ טִיפֶע עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם אִיז אֱמוּנָה מִיט שִׂמְחָה, אוּן דִי עֵצָה פַאר אֱמוּנָה מִיט שִׂמְחָה - אִיז תְּפִלָּה.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן אַז זַאכְן גֵייעְן אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיךְ וִויל - זָאל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט שֶׁעדִיגְן, זִיךְ נִישְׁט צֶעשְׁנַיידְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לוֹיט אַ טֵייל פּוֹסְקִים אִיז דָאס אַן אִיסוּר, דֶער שַׁ"ךְ בְּרֶענְגְט אַרָאפּ שִׁיטַת הַבַּ"ח אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קפ סְעִיף ו, סְעִיף קָטָן ט), אַז דֶער אִיסוּר וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים יד, א): 'לֹא תִתְגֹּדְדוּ וְלֹא תָשִׂימוּ קָרְחָה בֵּין עֵינֵיכֶם' אִיז נִישְׁט נָאר 'לָמֵת', פַאר אַ צַעַר וֶוען אֵיינֶער שְׁטַארְבְּט, נָאר 'אֲפִילוּ עַל צַעַר אַחֵר', אוֹיף יֶעדֶע סָארְט וֵוייטָאג אִיז אַן עֲבֵירָה זִיךְ צוּ צֶעשְׁנַיידְן.

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אִיךְ ווִיל אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר, און וָואס דוּ טוּסְט אִיז נָאר גוּט, און אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז דָאס פַּאר מַיין גוּטְס, אָמֵן".**

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, קוּקְט נִישְׁט קֵיין מָאוִויס, און רֶעדְט נִישְׁט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער; דָאס בְּרֶענְגְט דִי קְלִיפּוֹת אִין שְׁטוּב וָואס מַאכְן בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

...

## אָטֶעם אַרַיין, און לָאז אַרוֹיס דִי לוּפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק; דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי עֶפֶּעס דְרִיקְט דִיר וְכוּ' - דָאס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, זָארְג נִישְׁט, עֶס מֶעג דְרִיקְן, פַּאר יֶעדְן דְרִיקְט עֶרְגֶעץ, נָאר דָאס זָארְגְן - דָאס אִיז וָואס שְׁוַואכְט דִיךְ אָפּ; לוֹיט ווִי אִיךְ שַׁאץ אָפּ דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז עֶס דָאס וָואס דוּ זָארְגְסְט זִיךְ אַז עֶפֶּעס גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט פַּאסִירְן, דָאס כְּסֵדֶר'דִיגֶע זָארְג לָאזְט דִיךְ נִישְׁט לֶעבְן, מַמָּשׁ ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "גוּף קָשֶׁה, פַּחַד שׁוֹבְרוֹ", דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער גוּף וֶוערְט צֶעבְרָאכְן פוּן זִיךְ זָארְגְן און זִיךְ שְׁרֶעקְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן אַזוֹי סַאךְ פוּן זִיךְ - טְרַאכְט אִין דִי צַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז אִיבֶּעָראל, עֶר אִיז אַלֶעס, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר'.

פַארְמַאךְ דִי אוֹיגְן פַאר אֵיין מִינוּט און גֶעב אַ גוּטֶע אָטֶעם אַרַיין און לָאז אַרוֹיס דִי לוּפְט מִיט אַ קוֹל פוּן "אַהַהַה..." און זָאג: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז מִיט מִיר, אִין מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר", און טוּ עֶס נָאכְאַמָאל און זָאג: "אַהַהַה... שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער", און טוּ עֶס נָאכְאַמָאל און זָאג: "אַהַהַה... אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן כַּמָּה פְּעָמִים בַּיּוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט), וֶוען עֶס דְרִיקְט וְכוּ' זָאל מֶען פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אַלֶעס גוּט; אַשְׁרֵינוּ אַז דֶער רֶבִּי הֵיילְט אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "אוּן אִיךְ הֵייל זִי..."

...

## אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אַלֶע יָארְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר וָואס דוּ טוּסְט דִי יָאר מִיט מַיין זוּן ר'...; פַארְן לֶערְנֶען מִיט אִים דִי הֵיילִיגֶע א-ב, פַארְן אִים לֶערְנֶען צוּ לֵיינֶען, אוּן פַאר דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידּוֹת טוֹבוֹת, וּבְעִקָּר פַארְן אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין זֵיי דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן פַאר אַלֶעס וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת בַּיי דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים, אָמֵן.

...

## עֶס שְׁווינְדְלְט דִי קָאפּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דָאס וָואס אִיר שְׁפִּירְט וִוי עֶס שְׁווינְדְלְט אַייךְ דִי קָאפּ, אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט בַּאלַאנְצִירְן, אִיר דַארְפְט אַן עֵצָה.

דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט דִיזִי, עֶס הֵייבְּט

אָן שְׁווינְדְלֶען דִי קָאפּ, אִיז דִי עֵצָה צוּ חַזֶר'ן דִי וֶוערְטֶער: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", "כִּי טוֹב הַשֵּׁם", "חַסְדֵי הַשֵּׁם"; דָאס גֶעבְּט כֹּחַ אוּן מֹחַ.

זָארְגְט נִישְׁט, זַייט פְרֵיילִיךְ, צִינְדְט אָן לֶעבֶּעדִיגֶע נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, מַאכְט זִיךְ אַ פְּלֶע"י לִיסְ"ט פוּן נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, דָאס זָאל גֵיין אִין שְׁטוּב אוֹיף הוֹיכֶע סְפִּיקֶערְס; וֶועט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

## הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵד אִיז לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דִי הַצְלָחָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר; אַז דוּ וֶועסְט לִיבּ הָאבְּן דַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה, אוּן אַז נִישְׁט - וֶועסְטוּ אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער מִיט זֵיי.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דִי חִילוּק פוּן דִי מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן לִיבּ גֶעהַאט דִי קִינְדֶער, דִי הָאבְּן גְרִינְג גֶעאַרְבֶּעט, אוּן דִי מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן פַיינְט גֶעהַאט דִי קִינְדֶער - אוֹי וִוי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער אִיז זֵיי גֶעוֶוען.

אִיךְ גֶעדֶענְק אַ מְלַמֵד וָואס פְלֶעגְט רֶעדְן אִין חֶדֶר הַמְלַמְדִים מִיט אַזַא פְּרָאסְטְקֵייט, מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער, דֶער אִינְגְל אִיז אַ שׁוֹטֶה, דֶער אִיז אַן אָקְס, דֶער אִיז אַן אֵייזְל אוּן דֶער אִיז אַ פֶּטֶר חֲמוֹר. דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעזִיצְן אִין חֶדֶר הַמְלַמְדִים וִוי אַ צִיגַיינֶער מִיט דִי פִיס אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיפְן טִישׁ וִוי אַ חוֹלֶה נֶפֶשׁ, אוּן דִי תַּלְמִידִים הָאט עֶר גֶעהַאקְט, גֶעשְׁטוּפְּט אוּן גֶעצִיפְּט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט זִיךְ אַבִּיסְל אָנְגֶעלַאנְט וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ קְרֶעכְצְט, אַ שָׁאד פַאר דִיר, אַ שָׁאד אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַזוֹי שְׁוֶוער, וָואלְסְטוּ לִיבּ גֶעהַאט דִי קִינְדֶער וָואלְסְטוּ נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט; אָדֶער אֶפְשָׁר דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיין לִיבּ הָאבְּן, לִיבּ הָאבְּן דַיין וַוייבּ, דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אָדֶער אֶפְשָׁר פֶעלְט דִיר הִתְבּוֹדְדוּת;

גֵיי אִינְדֶערְפְרִי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו.

...

## נִישְׁט זִיךְ טַעְנָה'עֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ד): "אַל תַּעַן כְּסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ", זָאלְסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַ נַאר, "פֶּן תִּשְׁוֶה לּוֹ גַם אָתָּה", טָאמֶער וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן אַ נַאר; מוֹהַרְנַ"תְ הָאט גֶעזָאגְט: "דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'עֶט מִיט דִי מִתְנַגְדִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן", מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן קֶעגְן צַדִּיקִים אוּן אוֹיף הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "פֶּן תִּשְׁוֶה לּוֹ גַם אָתָּה", וַוייל מֶען קֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ נַאר, נַאר וָואס זָאל מֶען טוּן וֶוען מֶען הֶערְט וִוי מֶען אִיז מְבַזֶּה דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים? מֶען זָאל זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "נָפְלָה עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, אוֹי נָא לָנוּ כִּי חָטָאנוּ", דֶער צַדִּיק אִיז פַאַרְשֶׁעמְט, מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, מֶען אִיז מְבַזֶּה דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים; נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם טַעְנָה'ן אוּן אַרַיינְגֵיין אִין וִיכּוּחִים, נָאר וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, דִי עֵצָה פוּן שִׂמְחָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## הֶעלְפְן בֵּית פֵּיגָא אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ'**

אִיךְ וֵוייס אַז אִיר זֶענְט פַארְוֵוייטָאגְט, אִיר ווִילְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן

נָאךְ קִינְדֶער, און דָאס וַוארְטְן און וֶוערְן יֶעדֶע מָאל אַנְטוֹישְׁט וַוארְפְּט אַייךְ אַרָאפּ אִין אַ דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט.

וְויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס אִיר הָאט יָא, דַאנְקְט אִים פַאר אַייעֶר טַייעֶר קִינְד; דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען נָאךְ יְשׁוּעוֹת. וַוייל ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט און מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - צִיט מֶען צוּ זִיךְ יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת און נִיסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אִין "בֵּית פֵּיגָא", יֶעצְט וֶוען אִיר הָאט נָאכְנִישְׁט קֵיין קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאט אִיר צַייט, זָאלְט אִיר קוּמֶען אִין בֵּית פֵּיגָא און הֶעלְפְן מִיט וָואס אִיר קֶענְט; הֶעלְפְן בֵּית פֵּיגָא אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

...

## וֶוען מֶען דַארְף גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶפֶּעס אֵיינֶער שִׁיקְט מִיר בְּרִיוו און אִימֶעיל, אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, עֶפֶּעס הָאט עֶר מִיט דִיר צוּטוּן, עֶפֶּעס אַ דִין תּוֹרָה, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שַׁייכוּת מִיט דִיר, עֶר פְרֶעגְט מִיר, 'אָבֶּער עֶר קוּמְט דָאךְ דָא און עֶר דַאוֶונְט אִין אוּנְזֶער שְׁטִיבְּל', אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט קֶען זַיין אַז דוּ דַאוֶונְסְט דָארְט אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שַׁייכוּת.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזָאגְט קֵיין לִיגְנְט וַוייל אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג פוּן דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאף דוּ טוּסְט אַלְץ עַל פִּי תּוֹרָה, און אַז עֶס אִיז דָא אַ טַעֲנָה דַארְף מֶען דָאס בְּרֶענְגֶען צוּם בֵּית דִין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפ), אַז מֶען קוּמְט אָן צוּ דִין תּוֹרָה אִיז דָאס אַן "עֹנֶשׁ וּנְקָמָה שֶׁהַתּוֹרָה נוֹקֶמֶת בּוֹ", דִי תּוֹרָה נֶעמְט נְקָמָה פַארְן פַארְגֶעסְן בַּיים עוֹסֵק זַיין אִין בִּיזְנֶעס - פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און פוּן דִי תּוֹרָה; דַארְף מֶען אַלֶעס בְּרֶענְגֶען צוּם בֵּית דִין און דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט פוּן דִי בִּיזְנֶעס, "כִּי

בֶּאֱמֶת כְּשֶׁעוֹשִׂין מַשָּׂא וּמַתָּן", וֶוען מֶען מַאכְט בִּיזְנֶעס דַארְף מֶען דָאס טוּן נָאר מִיט אַ וֶועג עֶס זָאל אוֹיסְזֶען וִוי מֶען מַאכְט בִּיזְנֶעס, "אֲבָל פְּנִימִיּוּת מַחֲשַׁבְתּוֹ צָרִיךְ לְקַשֵּׁר אֶל הַתּוֹרָה", עַיֵּין שָׁם.

דָאס אִיז אוֹיךְ גוּט, אַז דַיינֶע שְׁתָּפִים קוּקְן דִיךְ אָן פַאר אֵיינֶער וָואס גֶעהֶערְט דָא, הַלְוַאי זָאלְסְטוּ טַאקֶע זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן, דוּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, פַארְבִּינְדְן אוּן פַארְקְנִיפְּט בָּזֶה הָעוֹלָם אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

### אִיךְ וֵוייס וִוי סַאךְ דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ...**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיין טַייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, וִוי דוּ פִּירְסְט זִיךְ צוּ אִים וִוי צוּ אַן אֵייגְן קִינְד, מִיט אַזוֹיפִיל הַארְץ, מִיט אַזוֹיפִיל חָכְמָה, דוּ הָאסְט גֶעזוּכְט אִין אִים אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם פַּךְ שֶׁמֶן טָהוֹר, דִי פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, הָאסְט גֶעטְרָאפְן זַיין רֵיינֶע הַארְץ, דוּ הָאסְט אִים לִיבּ, דוּ לֶערְנְסְט מִיט אִים מִיט אַזַא לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ וֵוייס אַלֶעס, אִיךְ וֵוייס וִוי סַאךְ דוּ טוּסְט פַאר אִים אוּן אִיךְ אוּן אוֹיךְ מַיין וַוייבּ זֶענֶען בֵּיידֶע דִיר מַכִּיר טוֹבָה.

מִיר בֶּעטְן פַאר דַיין הַצְלָחָה, זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע אוּן אִין אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט, מִיט דַיין בְּנֵי בַּיִת, דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, מִיט אַלֶעס גוּטְס.

שְׁכֹּחַ נָאכְאַמָאל

**... וּמִשְׁפַּחְתּוֹ**

## דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

וָואס אִיז דִי פְּלַאן מִיט דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי אִין שְׁטֶעטְל? אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיב דוּ פְּלַאנְסְט צוּ עֶפֶענֶען דִי יָאר דִי בֶּעקֶערַיי, אִיךְ ווִיל נִישְׁט בְּלַייבְּן פֶּסַח אָן מַצּוֹת; לָאז מִיר ווִיסְן דַיינֶע פְּלֶענֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ, בְּלַייב מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, בַּאלְד וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גְרִינְג אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ בֶּענְקֶען צוּ דִי צַייטְן וָואס מֶען הָאט גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער אָן קֵיין הִילְף, אָן קֵיין פְּרוּטָה וְכוּ' וְכוּ'.

הֵייבּ אָן דַיין טָאג פַארְטָאגְס מִיט מִקְוֶה, תִּיקּוּן חֲצוֹת, הִתְבּוֹדְדוּת, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, יוֹם תְּהִלִּים, תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שַׁחֲרִית, פַּת שַׁחֲרִית. הֶעלְף דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נָאכְדֶעם גֵיי הֲפָּצָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ, אוּן אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אַבִּיסְל צַייט - זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל טַאנְצְן.

...

## נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג בְּלַייבְּט מֶען דָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, כד): "כִּי לֹא לְעוֹלָם חֹסֶן", וַוייל נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג בְּלַייבְּט דִי שְׁטַארְקֵייט אוּן רַייכְקֵייט בַּיים מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת גַּאֲוָה, סִימָן מ), דֶער פָּסוּק אִיז מְסוּגָל "לְשַׁבֵּר אֶת הַגַּאֲוָה", צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי גַּאֲוָה.

דֶער מְקוֹר אִיז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא כז), רַב זוּטְרָא אוֹיף דִי עֶלְטֶער וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אוּן מֶען הָאט אִים אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעטְרָאגְן מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, הָאט עֶר דֶעמָאלְט בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּרוּמְט דֶעם פָּסוּק "כִּי לֹא לְעוֹלָם חֹסֶן", נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג בְּלַייבְּט מֶען דָא; עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן דֶעמָאלְט

וָועט מֶען גָארְנִישְׁט זַיין וָוערְד, מֶען וָועט מִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶער עֶרְד, אַלֶע וָועלְן פַארְגֶעסְן פוּן מִיר. אַז מֶען חַזֶר'ט זִיךְ דֶעם פָּסוּק, מֶען חַזֶר'ט זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ בֵּית הַקְּבָרוֹת, עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ הַמָּוֶת, עֶס אִיז דָא דִי צַייט פוּן גְסִיסָה, אוּן וָוען מֶען הַאקְט אוֹיף דִי בוֹיךְ אוּן מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: "דָא הָאסְטוּ אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעגְלִיסְט"; דָאס צֶעבְּרֶעכְט דִי גַּאֲוָה, מֶען לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית, מִיט אֱמוּנָה, מִיט תְּפִלָּה, מִיט הַכְנָעָה, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ לֶערְן אַבִּיסְל מִשְׁלֵי, אוּן מִיטְן רֶבִּינְ'ס הַקְּדָמוֹת קוּמְט אַרַיין אַזוֹיפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאפְן, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ דִינֶען נָאךְ מֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיין זוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל אוֹיסְדְרוּקְן מַיין הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיין זוּן ..., בִּפְרַט פַארְן לֶערְנֶען יֶעדְן פַארְטָאגְס מִיט אִים הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּן הִלְכוֹת תְּפִילִין, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה, אִיךְ וֶועל דָאס שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט זֵיי אוּן מִיט דִי תַּלְמִידִים אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ וָואס זִי הֶעלְפְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי אִין בֵּית פֵיגָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## גֶעטַאנְצְן פְרֵיילִיךְ

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגְען: ״מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ, צוּ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין עֶרְלִיךְ

קוּק וִוי לֶעבֶּעדִיג רֶבִּי נָתָן טַאנְצְט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דִי חֲתוּנָה... קוּק עֶר טַאנְצְט מִיט אַזַא לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, עֶר אִיז מִן הַסְתָּם דֶער פֶעטֶער פוּן דִי חָתָן, אָדֶער אֶפְשָׁר דֶער עֶלְטֶער פֶעטֶער פוּן דִי כַּלָה... קוּק עֶר דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער, עֶר מַאכְט אַ טָאמְבְּל-סָאוּס, עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ; לָאמִיר פְרֶעגְן רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר טַאנְצְט בַּיי דִי חֲתוּנָה אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג.

״רֶבִּי נָתָן, מִיר ווילְן אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן טַאנְצְן, מִיר ווילְן נָאר וויסְן וָואס אִיז אַייעֶר שַׁייכוּת מִיט דִי שִׂמְחָה, אִיר זֶענְט דָא אַ פֶעטֶער אָדֶער אַן עֶלְטֶער פֶעטֶער?״ זָאגְט זַיי רֶבִּי נָתָן: ״נֵיין נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין פֶעטֶער אוּן אוֹיךְ נִישְׁט



עֶר טַאנְצְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ

קֵיין עֶלְטֶער פֶעטֶער, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, שְׁטֶערְט מִיךְ נִישְׁט פוּן טַאנְצְן, אִיךְ וֶועל שְׁפֶּעטֶער רֶעדְן מִיט אַייךְ״.

״קוּק וִוי עֶר טַאנְצְט, עֶר מַאכְט אוּנְז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אִיךְ מֵיין אִיךְ גֵיי אוֹיךְ אַרַיין אִינֶעם רִינְג״ - זָאגְט אֵיינֶער, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט: ״אִיךְ גֵיי אוֹיךְ אַרַיין אִינֶעם רִינְג, אַלֶע טַאנְצְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען זִינְגְט״.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דָאס רֶבִּי נָתָן עֶרְקְלֶערְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין דָא אַ ווַייטֶע ווַייטֶע קָאזִין, דָאךְ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן אַז אִיךְ בִּין מְקוּרָב צוּם צַדִיק, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין מִתְנַגֵד אוֹיפְן צַדִיק, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ בִּין וֶוער אִיךְ בִּין – הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ צַדִיק וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, עֶר בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווַייזְט מִיר דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ קֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אִיךְ קֶען נָאךְ אַלֶעס פַארֶעכְטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעטַאנְצְן״.

אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן טַאנְצְן: ״אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָעִים גוֹרָלֵנוּ וּמַה יָפָה יְרוּשָׁתֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס גֵייט פַאר אוּנְז אוּן בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.